STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05021

MANI LEYB

Mani Leib

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַני לייב

פון

שלמה סיימאָן

באַאַרבעט פון

ישראל שטערן

שער־בלאַט און אילוסטראַציעס

פון יחיאל שיינבלום

פאַרלאַג: יידישע שול

מאָנטרעאל, תשל״ו

MANI LEIB

by SOLOMON SIMON

EDITED BY

ISRAEL STERN

ILLUSTRATIONS BY

YECHIEL SHAINBLUM

JEWISH SCHOOL PUBLISHING HOUSE
7950 Wavell Rd.
Cote St. Luc Que., H4W 1L7

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1975

פאַרלאַג יידישע שול
ביי די מאַנטרעאַלער
יידישע פאָלקס שולן און פרץ שולן
געגרינדעט פון ירושה פאָנד
אין אָנדענק פון
נילאַ און אָטאָ ליבערמאַן ע״ה
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

Jewish School Publishing House of the
JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
AND PERETZ SCHOOLS
Established by a Gift from the Estate of
NILA & OTTO LIEBERMAN
(Caracas, Venezuela)

מאַני לייב

מאַני לייב בראַהינסקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1884 אין ניעזשין, רוסלאַנד. זיינע עלטערן זיינען געווען צו אָרעם צו געבן אים אַ גוטע דערציאונג.1 צו עלף יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ קאַמאַשן-שטעפּער,2 כדי זיך אויסצולערנען דאָס פאַך.3

מאַני לייב האָט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. אין שטעטל האָט מען צוגעפּאַסט4 מעלאָדייעס5 צו זיינע לידער. ער האָט ליב געהאַט צו באַשרייבן אין גראַמען6 יעדע וויכטיקע7 פּאַסירונג8, וואָס איז געשען9 אין שטעטל.

אַז מאַני לייב איז אַלט געוואָרן אַ יאָר זעכצן, איז ער צוגע-שטאַנען10 צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג11 אין רוס-לאַנד. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג; אין די אָוונטן איז ער געגאַנגען צו פאַרזאַמלונגען;12 און דאָך האָט ער געפונען צייט צו לערנען זיך און צו לייענען. אין 1904 איז מאַני לייב אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט13. ער איז אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד. דאָרט האָט ער, מיט דער הילף פונעם שרייבער י. ח. ברענער, דעביוטירט14 מיט אַ ליד אין דעם זשורנאַל15 „די נייע צייט״.

אין 1905 איז מאַני לייב געקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער געדרוקט16 זיין ערשט ליד אין „פאָרווערטס״. ער האָט געוואוינט אין ניו יאָרק ביז זיין טויט אין 1953.

מאַני לייב איז געווען פון די וויכטיקסטע פּאָעטן פון דער גרופּע שרייבער וועלכע האָבן זיך גערופן „די יונגע״. זיינע לידער ווערן אויך געזונגען און געלערנט אין די יידישע שולן.

1 Education 2 Stitcher of Shoes 3 Trade 4 Adapted
5 Melodies 6 Rhymes 7 Important 8 Incident
9 That happened 10 Joined 11 Revolutionary movement
12 Meetings 13 Activity 14 Printed his first poem
15 Magazine 16 Printed



א

זיי זיינען געווען זעקס ברידערלעך. דאָס הויז איז געווען
זייער קליין. וואו נעמט מען פּלאַץ [1] פאַר אַלעמען צו שלאָפן?
אויפן דיל [2]. מען שפּרייט [3] אויס זעק [4] מיט שטרוי [5] — שעניקעס
האָט מען זיי גערופן — צוקאָפּנס [6] ווידער אַ זאַק מיט שטרוי
און חברה [7] צעלייגט [8] זיך ווי מאָנאַרכן [9]. מאַני לייב איז גע-
ווען דער עלטסטער, דאַרף ער שלאָפן ביים ברעג [10]. דער ברו-
דער נאָך אים — ביים אַנדערן ברעג, לעבן וואַנט [11]. אָבער די
קאָלדרע [12] איז שמאָל [13], קוים גענוג [14] פאַר אַלעמען זיך צו-
צודעקן [15]. ביינאַכט ווערט קיל [16]. וויל מאַני לייב זיך גוט איינ-
וויקלען [17], שלעפּט [18] ער אַריבער די קאָלדרע צו זיך, אויף זיין
זייט. כאַפּט זיך אויף דער ברודער פון צווייטן עק [19]. ס'איז
אים קאַלט [20] געוואָרן. שלעפּט ער אַריבער די קאָלדרע צו זיך.

1 Place 2 Floor 3 Spread, „make the bed" 4 Sack
5 Straw 6 At the head 7 The gang 8 Sprawl, make themselves comfortable 9 monarchs, kings, royalty
10 End 11 Wall 12 Blanket, quilt 13 Narrow
14 Barely enough 15 To cover 16 Cool 17 Bundle up, wrap in 18 Pulls 19 End, extremity 20 Cold

נו, וועט מען עס פאַרשווייגן?[21] שלעפּט מאַני די קאָלדרע
צוריק צו זיך. שלעפּט דער ברודער די קאָלדרע אַהין[22], מאַני
לייב אַהער[23]. זיי הויבן זיך אָן, פריער שטילערהייט[24], צו
קריגן[25]. דערנאָך צו שלאָגן[26]. אַלץ איבער די קעפּלעך פון די
קלענערע ברידער. כאַפּן זיך[27] די יינגערע קינדער אויף;
ווערט אַ ליאַרעם[28]; שטייט אויף[29] דער טאַטע, און . . .
דאַרף מער ווייטער דערציילן?[30]

21 Not retaliate 22 There 23 Here, back 24 Quietly
25 Quarrel 26 Fight, hit one another 27 Wake up
28 Noise, uproar 29 Gets up 30 Tell, narrate

ב

ייִנגל צינגל כוואַט[1] — דאָס איז מאַני לייב אַליין. ער איז
געווען אַ ייִנגל אַ שטיפער[2]. געקערט וועלטן[3]. וואו נאָר אַ
שפּיל[4], אַ געשלעג[5], אַ טומל[6], איז ער דער ערשטער. און
דאָס וואָס איך וועל אייך באַלד דערציילן האָט געטראָפן[7] אום
ווינטער. יאָ, ס׳איז געווען ווינטער. שוין איינמאָל אַ ווינטער.
עס האָט געשנייט[8] און געשנייט. אַז מען איז אויפגעשטאַנען
אין דער פרי איז ניט געווען קיין שטעטל[9] איר הערט, ניטאָ
און פאַרטיק[10]. פאַרשאָטן[11] געוואָרן מיט שניי. און אַלע האָבן
גענומען רידלען[12] און אָנגעהויבן אויסגראָבן[13] טיפע טו-
נעלן[14] פון די טונעלן האָבן געפירט טרעפּ[15] אַרויפצו אויבן[16],
צו דער גאַס[17]. און שטייענדיק אויבן, אין גאַס, האָט דאָס
שטעטל אויסגעקוקט מאָדנע[18]. אַרום און אַרום ווייס. ווי ווייט
דאָס אויג קאָן כאַפּן[19] — שניי. גלאַט[20] און ווייס. דאָ און
דאָרט שלענגלט[21] זיך אַ רויך[22] אַרויס פון שניי. אַ רויך פון
אַ קוימען[23].

1 Dapper, dashing 2 Naughty child, brat 3 caused a great stir, "overturned worlds" 4 A game 5 A fight
6 A noise, a racket 7 Occured, happened 8 Snowed
9 Town 10 Disappeared that's all 11 Snowed under, completely covered with snow 12 Shovels, spades
13 Dig out from under the snow 14 Tunnels 15 Steps
16 Up above 17 Street 18 Queer, odd, strange
19 As far as the eye can see 20 Smooth and white
21 Winds, rises spirally 22 Smoke 23 Chimney

יאָ, מען האָט געגראָבן סטעזשקעס[24], וועגן[25] — אַ וועג צו דער שול, אַ וועג צום מאַרק[26], אַ וועג צום שטאַל[27], צום שכן[28], פאַרשטייט זיך חשובע באַלעבאַטים[29] זיינען געגאַנגען מיט אויסגעגראָבענע און אויסגעטראָטענע סטעזשקעס[30]. אָבער די קונדסים, און מאַני לייב בראש[32], פליען איבער די קופּעס[33] שניי.



24 Paths 25 Roads, paths 26 Market 27 Stable, stall
28 Neighbour 29 Respected citizens 30 Trodden (paths)
31 Pranksters, brats 32 In the lead, at the head of
33 Piles

וואַרפן זיך ווייסע חברהניקעס[34] מיט שניי-קוילן און פליען פייל פון בויגן[35]. זיי זיינען צעהיצט[36]. שפרינגען[37] איבער די אויסגעגראָבענע טונעלן, לויפן איבער דעכער[38], פאַר-טשעפּען[39] זיך אין קוימענס. מיט אַמאָל פילט מאָני לייב, אַז ער גליטשט[40] זיך אַראָפּ פון אַ הורבע[41] שניי און פאַלט, פאַלט ערגעץ. טוט ער אַ קוק, ער ליגט עפּעס אין אַ טיפן שניי טאָל[42], טיף, טיף[43]. פון אויבן[44], אין דער הויך, הערט ער די חברים[45] רופן: מאָני לייב, מאָני לייב, וואו ביסטו? ער ענטפערט ניט. ער דראַפּעט[46] זיך אַזוי פּאַמעלעך[47] אַרויף. ער זינקט[48] אין שניי און קלעטערט[49] אַרויף. ביסלעכווייז[50] — ער איז שוין אויבן. ער הייבט אָן לויפן. געוואָלט פאַרלויפן[51] דעם וועג די חברים און ווייזן זיי וואָס פאַר אַ קנאַקער[52] ער איז. לויפט ער אַזוי מיט אימפּעט און פילט מיט אַמאָל, אַז ער פליט ווייטער. פליט אַראָפּ, אַראָפּ — אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָל פון בהמות[53]. גלייך אויף אַ בהמה. די בהמה דערשרעקט[54] זיך און הייבט זיך אָן טראָגן ווי אַ וויכער[55]. אַ גוטער רייטער[56] איז ער געווען, זיצט ער רייטנדיק אויף דער בהמה און האַלט זיך אָן מיט אַלע כחות[57] אַרום איר האַלדז[58]. אַפּנים[59], אַז פון שרעק שטיקט ער די בהמה. דאָס שטומע באַשעפעניש[60] דערשרעקט זיך און הייבט אָן שפּרינגען און טוט אים אַ שליידער[61] ווי גרויס ער איז גלייך אין שניי.

ליגנדיק אין שניי, טראַכט ער: אַך, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין נאַרישע[62] בהמה, נאָר דעם פּריצס[63] פערד[64]; אָט דאָס פערד וואָס דער פּריץ האָט געבראַכט פון יאַריד[65] פון

34 Urchins, mischievous boys
35 Very fast, as the arrow from the bow
36 Very excited, heated up 37 Jump 38 Roofs
39 Stumble on 40 Slides down 41 A pile of snow
42 Valley 43 Deep 44 From above, above
45 Friends, comrades 46 Crawls up, scrambles up
47 Slowly 48 Sinks 49 Climbs up 50 Gradually
51 Head off 52 Bigshot 53 Cows, cattle
54 Got frightened 55 Wind, whirlwind 56 Rider
57 Strength, forces 58 Neck 59 It seems, apparently
60 Creature 61 Hurl 62 Foolish
63 Squire, lord, landowner 64 Horse 65 Fair

פּאַלטאַווע, וואָלט ניט געשפּרונגען ווי די נאַרישע קו 66. עס וואָלט אים געטראָגן 67 וואוהין ער וויל אַליין, אַפילו 68 אַהין וואו דער שניי וואַקסט 69.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ער די מעשה אויסגענוצט 70 און אויפגעשריבן די באַלאַדע „יינגל צינגל כוואַט״.

66 Cow 67 Carried, transported 68 Even
69 Where the snow grows . . . in never-never land
70 Made use of it, utilized 71 Ballad

ג

צו פרעצן יאָר איז מאַני לייב געוואָרן אַ פייערלעשער 1. הויך געוואָקסן 2 איז ער געווען, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַז ער איז אַכצן יאָר אַלט, און מען האָט אים פאַרשריבן אין דער פייערלעשער קאָמאַנדע 3. אַ ספּריטנער 4 איז ער געווען, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ קלעטערער 5. עס זיינען געווען דריי קאַטעגאָריעס 6 פייערלעשער: די פּאָמפּערס 7, די וואָס האָבן געפּאָמפּעט די פייערלעשער מאַשין, די וואַסער ברענגער 8 און די קלעטערער. די קלעטערער האָבן זיך געדאַרפט אַרויפ-כאַפּן אויפן דאַך און רייסן די שינדלען 9. אַז מען האָט גע-דאַרפט, אויך ברעכן ווענט, גיסן וואַסער אין קוימען 10 — קורץ, ראַטעווען 11. טרעפט זיך ביינאַכט אַ פייער — עס ברענט אַ דאַך 12. ער קלעטערט מיט נאָך איינעם. ער איז שוין אויפן דאַך. זיין חבר נאָך אים. וויל ער אים העלפן אַרויפדראַפּען 14 זיך. שטרעקט 15 מאַני לייב אויס זיין האַנט. ס׳איז פינצטער, דער חבר זעט ניט די האַנט. גיט ער אַ האַק מיטן שפּיציקן 16 זייט פון העקל 17 און צעהאַקט מאַני לייבן דעם קליינעם פינ-

1 Fireman 2 Tall 3 Brigade 4 Agile, nimble, dexterous
5 Climber 6 Categories, kinds 7 Firemen that use the pump
8 Drawers of water
9 Shingles 10 Chimney 11 Save, rescue 12 Roof
13 Mate, playmate, comrade, friend 14 Climb up, scramble up
15 Extend his arm 16 Pointed 17 Small ax

גער פון דער לינקער האַנט אויף צוויי. מאַני לייב טוט אַ געשריי
און פאַלט שיער [18] ניט אַראָפּ פון דאַך. ער גיט זיך אָבער ניט
אונטער [19]. אַ קלעטערער איז ער געווען אַ גרויסער, אַ שיי-
געץ [20] אויך ניט קיין קליינער, אַ גרויסהאַלטער [21] נאָך אַ גרע-
סערער. וואָס הייסט ער וועט זיך אונטערגעבן? האָט ער ווייטער
געראַטעוועט [22].

איר הערט? דער חבר איז ניט פויל [23] און מעלדעט [24] עס
די שטאָטישע באַאַמטע [25]. מאַני לייב האָט געקראָגן פון גו-
בערניע [26] אַ לויב-שריפט [27] געחתמעט [28] פון גובערנאַטאָר [29]
אַליין — און אויך אַ בראָנזענעם מעדאַל [30]. מאַני לייב האָט
זיך זייער געגרויסט [31] מיט דעם מעדאַל.

18 Almost, nearly 19 Does not give in, does not submit
20 Fresh boy, impudent, smart aleck 21 Haughty, conceited
22 Saved, rescued
23 Lazy 24 Notifies 25 Officials
26 Province 27 certificate of commendation 28 Signed
29 Governor 30 Medal 31 Was proud of it, boasted about it

מאַני לייבס מאַמע איז אַ מערקווערדיקע 32 פרוי — אַ וואויל קענערקע 33, אַ זאָגערין 34. חוץ 35 דעם האָט זי ליב זאָגן אַ ווערטל 36 און דווקא 37 צום גראַם 38. די באָבע עטל איז אויך געווען אַן אויסטערלישע 40 פרוי. אייגנטלעך 41 האָט ער געהאַט צוויי באָבעס. די באָבע עטל און באָבע לאה. די באָבע לאה איז געווען "רייך" אָבער קאַרג 42. זי האָט די קינדער שטענדיק געלערנט ווי צו טרינקען טיי מיט צוקער. צוקער — פלעגט זי זאָגן — טאָר מען ניט בייסן און האַלטן אין מויל אויפן צונג 43 בעת מען טרינקט טיי. נאַשער 44 טוען עס. אַ קלעצעלע 45 צוקער דאַרף מען פריער צעהאַקן אויף פיר שטיקלעך 46. איינעם פון די קליינע שטיקלעך לייגט מען אונטערן צונג און מען טרינקט די טיי. אונטערן צונג האַלט זיך דער צוקער לענגער. מען קאָן אויסטרינקען פיר גלעזער טיי מיט איין שטיקעלע צוקער.

ברויט פלעגט די באָבע לאה באַקן אַנדערש פון אַלע באַלעבאָסטעס... 47 אַ געוויינטלעכע 48 באַלעבאָסטע באַקט אויס פון אַ פוד 49 מעל 50 פופצן ברייטלעך 51. די באָבע לאה פלעגט אויסבאַקן פערציק ברייטלעך. דער שכל 52 איז געווען אַזאַ. קליינע לעבלעך 53 ברויט ווערן שנעלער אַלטגעבאַקן 54 — האַרט 55, טרוקן 56. עסט מען זיי ווייניקער 57. פריש 58 ברויט קען מען דאָך שלינגען 59 ווי חלה. חוץ דעם קען זי באַלד אָפּיר 60 וואַרפן:

— פרעסער 61, דו האָסט דאָך אויפגעפרעסן 62 אַ גאַנצן לאַבן 63 ברויט.

32 Remarkable 33 Literate, knowledgeable
34 Read the prayers for the iliterate women and led them in prayer 35 Besides that 36 A saying, joke, witticism
37 And intentionally, always 38 Rhyme 39 Grandmother
40 Extraordinary 41 Actually 42 Miserly, stingy
43 Tongue 44 Person with a sweet tooth, likes to eat a lot
45 Cubes, sugar cubes 46 Pieces 47 Housewifes
48 Usual 49 Pood 50 Flour
51 Little breads, loaves 52 The reason, the calculation
53 Loaves 54 Stale 55 Hard 56 Dried up 57 Less
58 Fresh, recently baked 59 Devour, swallow
60 Reprove, reproach, blame 61 Glutton, person that eats a lot
62 Devoured 63 Loaf

ביי דער רייכער באָבע לאה איז שטענדיק [64] געווען פריילעך [65]. שבת נאָכן עסן פלעגט זיין גאָר גאָר פריילעך. עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען [66] בחורים [67] און מיידלעך. מאַני לייב פלעג זיצן אויפן טיש און זינגען, די פּאָרלעך [68] פלעגן טאַנצן.

יאָ ס׳איז געווען פריילעך ביי דער באָבע לאהן, אָבער פאַרברענגען [69] האָט מאַני לייב ליב געהאַט ביי דער אָרעמער באָבע עטלען. דאָס הויז איז געווען אַן אָרעמס, אַן אומעטיקס [70], אָבער דערפאַר איז די באָבע געווען אַזאַ ליבע [71]. זומער און ווינטער פלעגט זי זיצן אויפן אויוון, און אין וואַנט האָט זיך געפונען אַ קליין פענצטערל [72], נאָר איין שייבעלע [73]. דאָס שייבעלע האָט אַרויסגעקוקט צום שליאַך [74], צום וואַלד [75] צו. די באָבע עטל איז געווען זייער פרום [76], שטענדיק געזאָגט תהילים [77] אָדער עפּעס אַ תחינה [78]. דאָס יינגל האָט ליב געהאַט הערן איר אומעטיקן ניגון [79]. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אַרויפקלייבן [80] צו איר אויפן אויוון. זיי פלעגן זיך איינטוליען [81] איינע אין די אַנדערע, אַרויסקוקן דורך דעם שייבעלע, אויפן ווייטן שלענגלדיקן [82] שליאַך, אין בלוי־גרינעם וואַלד, און זי פלעגט דערציילן מעשיות [83]. ווייזט [84] אויס אַז אירע מעשיות זיינען מאַני לייבן געקומען אויפן זכרון [85], ווען ער האָט געשריבן זיינע באַלאַדעס [86] און קינדער לידער. זי איז געווען אַ וואונדערבאַרע [87] דערציילערין [88].

64 Always
65 Gay, merry, cheerful   66 Gathered, gather
67 Young men, bachelors   68 Couples
69 Enjoy oneself, spend the time   70 Sad   71 Loving
72 Small window   73 Small windowpane
74 Dirt road, unpaved road   75 Forest, wood   76 Pious
77 Psalms   78 Prayer in Yiddish, for women and simple folk
79 Tune, air, melody   80 Climb up   81 Cuddle up
82 Meandering   83 Tales   84 Apparently, it seems
85 Memory   86 Ballads   87 Wonderful   88 Storyteller

ד

פאַרפאַסן [1] לידער אויף אויסנווייניק [2] האָט ער אָנגעהויבן [3] ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג. מאַני לייב האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען [4] ווען ער האָט ניט פאַרפאַסט קיין לידער. מען פלעגט זיי זינגען אין שטעטל. שרייבן לידער האָט ער אָבער אָנגעהויבן ווען ער איז שוין געווען אַ קאַמאַשן-שטעפּער [5], אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף.

ער האָט געזען אין שמרס [6] ראָמאַן [7] אַ ליבע-ליד [8]. ער האָט געזען שמאָלע [9] שורות [10], אַלע פון איין לענג [11], איין שורה גראַמט [12] זיך מיט דער אַנדערער און עס איז אים געפעלן [13] געוואָרן. האָט ער זיך געטראַכט: ״דאָס קען איך דאָך אויך אָנשרייבן.״ געטראַכט און געטאָן.

זיינע לידער פלעגט ער פאָרלייענען פאַר די אַרבעטער. זיי האָבן אָבער קיין גרויסן צימעס [14] דערפון ניט געמאַכט. מאַני לייב פלעגט שרייבן אַ סך. בייטאָג האָט ער קיין צייט ניט געהאַט, פלעגט ער שרייבן ביינאַכט. זיין שרייבן איז שטאַרק ניט געפעלן זיין טאַטן. הערסט אַן איינפאַל [15], אַ יונג ברענט אויס אַזויפיל קעראָסין [16]. וואָס קעראָסין קאָסט קיין געלט ניט? דער איינציקער, וואָס פלעגט דעם יונגן דיכטער דערמוטיקן [17] איז געווען דער זון פון זיין באַלעבאָס [18]. אַ סטודענט. ער פלעגט פאָרויסזאָגן [19] אַז מאַני לייב וועט אויסוואַקסן [20] אַ פושקין, אַ לערמאָנטאָוו, און מיט אים וועט קלינגען אַ וועלט [21]. מאַני לייב האָט פאַרשטאַנען אַז פושקין און לערמאָנטאָוו זיינען מן הסתם עפּעס גרויסע שרייבער [22]. ווער

1 Composed, auhotred, created 2 By heart 3 Began
4 Remind, remember 5 Stitcher of the upper parts of the shoe
6 Author of trash literature, trash novels but very popular at the time 7 Novel 8 A love-song 9 Narrow
10 Lines 11 Length 12 Rhymes 13 He liked it
14 Not to make a big fuss about something
15 An idea, brainstorm (meant sarcastically)
16 Kerosene, an oil for lamps and heating, distilled from petroleum, bituminous shale, coal, etc. 17 Encourage
18 Master 19 Foretell 20 Grow up
21 World famous, everyone talks about him 22 Wirter

זיי זײַנען האָט ער ניט געוואוסט. פרעגן האָט ער זיך גע־
שעמט[23].

ס׳האָט זיך ניט שלעכט געלעבט ביי זיין באַלעבאָס. ער פלעגט אַרבעטן שווער, אָבער די פּועלים[24] זיינען געווען פריילעכע לונג און לעבערס[25], פלעגן טרייבן קאַטאָוועס[26] און זינגען אַז אַ רויך איז געגאַנגען[27]. דער באַלעבאָס איז געווען אַ מאָדנער[28] מענטש, אָן אַ גראַם איז ביי אים ניט גע־גאַנגען. שטענדיק גערעדט ״פּאָעזיע״[29]. אָבער די גוטע צייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן[30]. דאָס שרייבן האָט מאַנין אַריינ־געפירט אין אַ בלאָטע[31]. ער האָט געכאַפּט דעם אמתן פּסק[32] פון זיין באַלעבאָס.

ס׳איז געווען אַזוי. אין שטעטל איז געווען אַ יתומה[33]. האָט קהל[34] אָפּגעמאַכט[35], אַז מען זאָל איר חתונה[36] מאַכן. מען האָט דערטאַפּט[37] אַ הינקענדיקן בחור און געשטעלט אַ חופּה[39]. די חופּה איז געווען אַ גרויסאַרטיקע[40]. די חופּה־וועטשערע[41] גאָר אַ געהויבענע[42]. גאַנץ שטאָט[43] איז געקומען צו דער שמחה[44]. איז מאַני לייב ניט פויל[45] און באַשרייבט[46] די גאַנצע חתונה[47] מיט די הויפּט מחותנים[48], קיינעם פון די שיינע באַלעבאַטים[49] ניט געשאַנעוועט[50].

אָנגעשריבן און עס פאָרגעלייענט[51] פאַר די אַרבעטער־חברה[52] איז עס דווקא געפעלן[53]. אָט דאָס הייסט אַריינגע־זאָגט[54]. קומט אָן דער סטודענט, זאָגט ער:

23 Was shy, was bashful 24 Workers
25 Happy-go-lucky, merry 26 Jest, kid around
27 With all their might and enthusiasm, raised the roof
28 A strange person, an oddball 29 "Poetry"
30 Did not last 31 Led him into trouble
32 Received a real scolding, it ended ignominiously
33 An orphan (fem.) 34 Jewish community
35 Decided, resolved 36 To marry them 37 Found
38 Lame, limping 39 Marry 40 Grand
41 Wedding-meal 42 Grand, dignified 43 All town-folk
44 celebration, feast 45 Lazy 46 Described
47 Wedding 48 Main-guests
49 The most respected citizens 50 Did not spare them
51 Read before them, recited to them 52 The merry bunch
53 They liked it, approved of it 54 Told off

—וואָס מאַני לייב, שוין עפּעס נייס [55] אָנגעשריבן? ווייז [56] עס נאָר.

מאַני לייב איז ניט פויל און לייענט עס פאַר נאָך אַ מאָל. חברה האַלט זיך ביי די זייטן [57]. דער סטודענט ווערט גאָר נתפעל [58] פון דעם "ווערק" [59] און שלעפּט [60] מאַנין אין זאַל [61] אַריין ער זאָל עס פאָרלייענען פאַר די שיינע באַלעבאַטים, וואָס זיינען געקומען צו זיין טאַטן אויף טיי. פאָלגט [62] אים מאַני לייב. ער לייענט פאַר און זעט ניט ווי דער באַלעבאָס קאָן ניט איינזיצן [63]. צום סוף כאַפּט זיך דער באַלעבאָס אויף און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש [64].

— דו, מאַנילע, וועסט מיר באַרעדן [65] אַזעלכע בכבודיקע [66] יידן? אַרויס פון מיין שטוב. און דער באַלעבאָס האָט אָנגענומען מאַנין ביים קאַרק [67] און האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ [78]. דאָס העפטל [69] האָט ער צוגענומען און אַריינגעוואָרפן אין אויוון.

מאַני לייב האָט אים דערפאַר די שויבן [70] צעבראָכן, אָבער דעם פּאַטש און די פאַרשעמונג [71] האָט ער פאַרגעדענקט [72] אויף זיין גאַנצן לעבן.

דאָס איז געווען מאַני לייבס שרייבערישער אָנהייב. דרוקן [73] האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן ווען ער איז געקומען קיין לאָנדאָן, ער איז אַהין אַנטלאָפן אַלס אַ פּאָליטישער [74] פליט [75]. דאָס איז געשען אין 1905, ווען מאַני לייב איז שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

55 Anything new 56 Show it 57 Laugh heartily
58 Get excited 59 "Works", "great creations" (sarcastically)
60 Pulls, drags 61 Parlor, hall, reception room 62 Obeys
63 Cannot sit still, nervous 64 Alap, smack
65 Calumniate, criticize 66 Respected 67 Neck
68 Steps 69 Note-book 70 Windowpans 71 Insult
72 Remembered 73 Print, publish 74 Escaped
75 Political refufee

אַ מעשה [1] וועגן זיך . . .

די שטאָט ניעזשיע האָט געשמט [2] מיט אירע בלאטעס [3], ווערבעס [4], רייכע טאַבאַק-סוחרים [5], פערד-הענדלער [6] און פערד-גנבים [7]. די שטאָט האָט אויך געשמט מיט הייליקע [8] קברים-שטיבלעך [9] פון צדיקים [10], מיט אירע שוסטער [11] שיכורים [12], מיט איר ווייסן, גרויסן ליציי [13], וואו גאָגאָל [14] האָט געלערנט און מער פון אַלץ — מיט אירע געזאַלצענע אוגערקעס [15].

שיין איז געווען די שטאָט ניעזשין!

שיין מיט אירע ערב -פּסחדיקע [16] און נאָך-ימים-נוראימדיקע [17] בלאָטעס [18] וואָס לאָזן זיך פאַרנאַנדער ביז אַריבערן גאַרטל [19], אָבער נאָך שענער איז די שטאָט געווען ווינטערצייט [20], ווען די שנייען וואַקסן-אָן ביז אַריבער די שטרויענע דעכער [21], הויך ביז צו די קוימענס [22] אַרויף.

האָבן אין דער שטאָט ניעזשין געלעבט אַמאָל אַ ייד מיט אַ יידענע [23] וואָס האָבן געהאַט אַכט קינדער. געוואוינט האָבן דער ייד מיט דער יידענע אין אַ קליין, קליין שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. דער ייד מיט דער יידענע זיינען געווען איידעלע [24] און ערלעכע [25] מענטשן, נאָר גרויסע אָרעמעלייט [26]. יעדן טאָג פלעגן זיי אויפשטיין [27] באַגינען [28] און אַוועקלויפן אין מאַרק [29] אַריין האַנדלען און וואַנדלען [30]. דער ייד האָט געהאַנדלט מיט פעל. גויים ברענגען אויפן מאַרק אַלערליי [31]

1 A story, a tale 2 Was famous, well known
3 Mud, marsh 4 Willows 5 Tobacco-merchants
6 Horse-traders 7 Horse-thiefs 8 Holy, sacred
9 Grave-sites 10 Holy men, saints, Hasidic Rabbis
11 Shoemaker 12 Drunkards
13 Lyceum, a building devoted to instruction by lecturers
14 Gogol N.V., 1809-52, Russian novelist, short-story writer, and dramatist 15 Pickles, dill Pickles, pickled cucumber
16 Before Passover 17 After the High Holidays
18 Mud, quagmire 19 Waist 20 Wintertime
21 Thatched roofs 22 Chimneys
23 Jewish woman (married) 24 Genteel, noble
25 Honest, virtuous 26 Poor folk 27 Rise
28 Early morning, at the beginning of day 29 Market
30 Trade and exchange 31 All kinds, various

פעל[32], קויפט[33] זיי דער ייד אויף און פֿאַרקויפֿט זיי דערנאָך
צום רייכסטן[35] הענדלער[36] פֿון שטאָט. די יידינע האָט גע-
האַנדלט מיט גענדז[37], הינער און אייער[39]. אַלע אין דער פֿרי
איז זי אַרויס אין מאַרק אַריין מיט אַ גרויסע ליידיקן[40] קויש[41] און
ווען זי איז צוריקגעקומען פֿאַרנאַכט[42], איז דער קויש געווען
אָנגעלאָדן[43] מיט ברויט און געפֿרוירענע עפּל.

און אַז די קינדער זיינען אין אָוונט אַהיימגעקומען פֿון
חדר[46], האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די קאַרטאָפֿל מיטן ברויט
ווי צו אַ טייערן[47] מאכל[48] און פֿאַרביסן[49] מיט אַ געפֿרוירע-
נעם עפּל. אָפּגעגעסן, דאַרף מען דאָך גיין שלאָפֿן, פֿלעגט דער
טאַטע די גרעסערע קינדער לייגן אויף דער ערד, און קלענערע
אין דעם ברייטן[50], רויטן בעט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ
ווינקל[51]. פֿאַר די גרעסערע קינדער האָט דער טאַטע אויסגעש-
פּרייט[52] אויף דער ערד צוויי קוליעס[53] שטרוי[54] און איבער
די קוליעס שטרוי האָט ער פֿאַרשפּרייט אַ גראָבע פּלאַכטע[55],
און צוגעדעקט האָט ער די קינדער מיט זיין שווערן שאָפּע-
נעם[56] פּעלץ[57], וואָס האָט געשמעקט מיט שווייס[58], טאַבאַק[59]
און מיט דרויסן[60].

ביז די קינדער זיינען איינגעשלאָפֿן און נאָכדעם ווי זיי
זיינען אַנטשלאָפֿן געוואָרן, פֿלעגן טאַטע-מאַמע נאָך לאַנג זיצן
ביים לעמפּל[61], ביים אָפּגעקילטן סאַמאָוואַר[62] און ריידן פֿון
זייער מזל[63] און וועגן אַ תּכלית[64] פֿאַר די קינדער. אויפֿן טיש
איז געווען אָנגעשאָטן אַ הויפֿן[65] פֿאַרשימלטע[66] קופּערנע[67]

32 Hides, skins of animals 33 Buys 34 Sells
35 Richest 36 Trader, merchant 37 Geese 38 Chickens
39 Eggs 40 Empty 41 Basket 42 Dusk, evening
43 Loaded 44 Potatoes 45 Frozen
46 Kheder, a traditional Jewish school 47 Rare, exquisite
48 Dish, meal, treat 49 As dessert 50 Broad
51 Corner 52 Spread out, prepare the place to sleep
53 Bundles 54 Straw 55 Coarse sheet
56 Of sheep 57 Fur, pelt 58 Sweat 59 Tobacco
60 Outdoors 61 Small lamp
62 Samovar, Russian utensil for the brewing of tea
63 Luck, fate 64 Purpose, future 65 Pile 66 Moldy
67 of Copper

מטבעות 68 און מיט אָפּגעהאַקטע 69 ווערטער פלעגן זיי ציילן די מטבעות, קוקן איינער אויפן צווייטן און שמייכלען 70 צופרידענע 71. נאָר אָפט 72 פלעגט טרעפן 73 אַז זיי האָבן ניט געשמייכלט און איינער אויפן צווייטן ניט געקוקט, נאָר פאַרטרויערטע 74 האָבן זיי אויסגעלאָשן 75 דאָס לעמפל און זיך געלייגט שלאָפן איז דעם ברייטן רויטן בעט, וואו די דריי קלענערע קינדער זיינען שוין לאַנג איינגעשלאָפן.

אַז טאַטע מאַמע גייען אַוועק פון שטיבל 76 אויף גאַנצע טעג, איז ווער-זשע גיט אַכטונג 77 אויף די קינדער? קיינער גיט ניט אַכטונג אויף די קינדער. האָבן זיי אויף זיך אַליין אַכטונג געגעבן. די גרעסערע אויף די קלענערע און די קלענערע אויף די נאָך קלענערע און קיין בייז אויג 78 האָט זיי חלילה 79 ניט געשאַדט 80. זיי זיינען געוואַקסן 81 גראַטענע 82, האָבן געהאַט גוטע קעפּלעך 83 און זיינען געווען די בעסטע תלמידים אין חדר. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז זיי זיינען אויך געווען די גרעסטע קונדסים און שטיפערס 84 אין שטאָט. גייט מען שווימען איז מיט זיי פול דער טייך 85. גייט מען רייסן עפּל אין פרעמדע סעדער 86, זיינען זיי די ערשטע צו קלעטערן 87 איבער די פלויטן 88, און זיי פאַרפירן געשלעגן 89 מיט שקצים 90, גיבן קלעפּ 91 און כאַפּן קלעפּ און די שטאָט איז פול מיט זיי. דאָס איז זומער-לעב 92.

ווינטערצייט זיינען זיי די ערשטע גליטשערס 93 אויפן אייז, די בעסטע פּעטער-שנייער מאַכער 94, די גרעסטע כוואַטן 95 באַרג-אַראָפּ-פליער 96 אויף שליטלעך 97 אָדער אויף שטיקער אייז אָנשטאָט 98 שליטלעך. די קינדער זיינען אויך געווען גרויסע בריות 99 צו רייטן 100 אויף פערד. אַזוי פאָרן

68 Coins 69 Curt. Abrupt 70 Smile
71 Satisfied 72 Often 73 It happened 74 Sad
75 Put out, extinguish 76 Small house
77 Mind them, take care of them
78 Nothing untoward, evil eye 79 God forbid
80 Harm, murt 81 Grew 82 Bright and good-looking
83 Good students, smart, clever, bright
84 Pranksters and naughty, brats 85 River 86 Orchards
87 Climb 88 Fences, hedges 89 Fights, brawls
90 Non-Jewish boys 91 Blows 92 In the summer
93 Skaters 94 Snow-man-makers 95 Skillful and efficient
96 Down-hill-sliders 97 Small sleds 98 Instead
99 Efficient and skillful 100 Ride

רייטנדיק אויף פערד ווי זיי האָט קיין שום ייִנגל אין שטאָט ניט געקענט. דאָס האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען[101] זייער זיידן ר׳ איסר, וואָס איז געווען אַ פערד-הענדלער.

צו די אַלע מעלות[102] זיינען די קינדער נאָך געווען גוטע זינגערס, די בעסטע משוררים[103] ביי די שטאָט-חזנים[104]. זינגען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ביי זיי אין שטיבל. ווייל פון זינט זיי האָבן געדענקט האָט דאָס שטיבל געזונגען. אין אַ שבת אָדער אַ יום טוב ווען זייער מאַמע האָט נאָך געקענט אַן אויסגערוטע[105] זיך אַוועקזעצן אויף אַ שעה, האָט זי זיך באַלד פאַנאַנדערזונגען. דער טאַטע, וואָס אַליין האָט ער זיך געשעמט[106] צו זינגען, פלעגט דאָ לאָזען אָפּן דאָס ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפן טיש, אָנשפאַרן[107] דערויף זיין עלנבויגן[108]׳ און דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און שמייכלען אַ גליקלעכער[109] און צופרידענער[110]. און אַז דער טאַטע האָט געשמייכלט האָבן די קינדער זיך דערפילט פריי און גרינג[111] און וואַרעם און זיך באַלד אַוועקגעלאָזט זינגען אינאיינעם מיט דער מאַמען. די גאַנצע גאַס[112] פלעגט דעמאָלט קומען צו לויפן און זיך שטעלן אונטער זייער פענצטער[113].

און אַז דער שבת איז אַוועק און ס׳איז געקומען דער שבת צו נאַכט[114], האָבן זיך צו זיי אין שטיבל פאַרקליבן[115] טרינקען טיי אַלע גוטע פריינד דעם טאַטנס: די שכנים[116], קצבים[117], באַלעגאָלעס[118], פערד-הענדלער און בעטלער[119].

פלעגט מען זיצן ביים קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, טרינקען הייסע טיי און דערציילן זיך שרעקלעכע[121] מעשיות פון גזלנים[122], וועלף[123], מתים[124], מכשפים[125], מכשפות[126] און יתומות[127]. די קינדער פלעגן זיצן מיט אָפענע מיילער, איינ-

101 To thank, to be grateful   102 Virtues, merits
103 Assistants to the cantor, singers   104 City-cantors
105 Rested   106 Be shy, bashful   107 Lean   108 Elbow
109 Happy   110 Satisfied   111 Light, jaunty
112 Street   113 Window   114 Saturday night
115 Gather together, assemble   116 Neighbours
117 Butchers   118 Driver of a wagon or coach, coachmen, teamsters   119 Beggars   120 Boiling, boiling hot
121 Terrifying   122 Robbers, bandits   123 Wolves
124 Corpses, dead people, ghosts
125 Sorcerers, magicians, wizards   126 Witches, sorceresses
127 Orphans (fem.)

זאַפּן128 אין זיך די אַלע שרעקלעכע מעשיות, דערביי ציטערן129 און דאָך האָבן אַ ווילדע הנאה130 און ניט וועלן גיין שלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

128 Take in, lap it up
129 Shudder, shiver for fear and/or excitement
130 Enjoy very much

אַזוי האָבן געלעבט

דער ייִד מיט דער ייִדענע און אַזוי זיינען געוואַקסן זייערע קינדער. און אַז זייער בחור1, דער עלטסטער ייִנגל זייערער, איז אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָבן טאַטע-מאַמע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית2 פאַר זיינעטוועגן3. דער טאַטע האָט געוואָלט ניט אַנדערש4, נאָר אַז זיינע קינדער זאָלן ווערן באַל-מעלאָכעס5. "אין מלאכה6 איז די מזל-ברכה"7, פלעגט ער זאָגן, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי איז געווען. אין מיטן מאַרק8 האָט געוואוינט אַ קאַמאַשן-שטעפּער9, וואָס פאַר זיין שטוב איז געהאָנגען אַ גרויסע בלויע שילד10 מיט אַ געמאָלעכץ11 פון אַ מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוויי פלע-שער12 רעכטס13 אַ גראָבע פלאַש און לינקס14 גאָר אַ דין פלעשל, און אויפן דינעם פלעשל איז געווען אָנגעטאָן אַ קאַ-מאַש15 אַן זוילן16 און אָן אָפּצאַסן17. דעם ייִנגל איז די שילד שטאַרק געפעלן געוואָרן. איז איינמאָל אין אַ בייטאָג18 האָט דער טאַטע גענומען זיין עלטסטן עלפיאָריקן ייִנגל פאַר אַ הענטל, אים אַוועקגעפירט צו דעם קאַמאַשן-שטעפּער און אים דאָרטן איבערגעלאָזט אויף צוויי מיט אַ האַלב יאָר, ער זאָל זיך דאָרטן אויסלערנען שטעפּן19 אויף יענער מאַשין מיט די צוויי פלעשער און ווערן אַ לייט20.

1 Young man, bachelor 2 A purpose, a future
3 For his sake 4 No other way, nothing less than
5 Craftsmen, people plying a craft, a trade 6 Craft, trade
7 Luck, good luck, blessing 8 Market
9 Shoe-stitcher, stitches the upper parts of the shoe
10 Sign 11 Painting 12 Bottles 13 To the right
14 To the left 15 Shoe 16 Soles 17 Heels
18 In the afternoon 19 Stitch
20 Become a man, a fine dependable person

דאָס ערשטע וואָס דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן לערנען ביים שטעפּער איז געווען ווי אַזוי צו שלעפּן [21] פאַר דער באַלע-באָסטע [22] די שווערע קוישן [23] פון מאַרק, וויגן [24] אירע קינ-דער, טראָגן וואַסער פון ברונעם, [25] קערן [26] דאָס הויז און לויפן אין מיטן נאַכט זוכן דעם באַלעבאָס, [27] וואָס האָט זיך ערגעץ ביי אַ פריינד פאַרשפּילט אין קאָרטן. [28] ווארים [29] זיין באַלעבאָס האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן קאָרטן. דער באַלעבאָס האָט אָבער אויך ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך. ביי זיך אין הויז האָט ער טאַקע געהאַט שטיין גאַנצע שאַפעס [30] מיט ביכער. און אַזוי האָט זיך דאָס יינגל אין די צוויי און אַ האַלב יאָר אויסגעלערנט פון זיין באַלעבאָס דריי זאַכן: שטעפּן קאַמאַשן: לייענען ביכלעך און די מיאוסע טבע [31] — שפּילן קאָרטן.

דעם אמת געזאָגט האָט זיך דאָס יינגל דאָרטן אויסגע-לערנט נאָך צוויי זאַכן: — גנבענען [32] ברויט ביי דער באַלע-באָסטע וואָס איז געווען אַ קאַרגע, [33] און פון באַלעבאָס — ריידן אין גראַמען. [34] ווייל וואָס דער באַלעבאָס פלעגט ניט ריידן פלעגט ער עס תמיד [35] מוזן זאָגן אין גראַמען. צוריק גערעדט זיינען אייגנטלעך גראַמען פאַר דעם יינגל קיין נייס [36] ניט געווען. פון גראַמען האָט ער געוואוסט נאָך פון דער היים. ווארים זיין מאַמע האָט אויך אַמאָל ליב געהאַט צו ריידן אַזעלכענע ווערטלעך [37] אין גראַמען. אירע גראַמען זיי-נען געווען איידעלער [38] ווי די פון זיין באַלעבאָס. פון דער מאַמעס ווערטלעך אין גראַמען פלעגט מען לאַכן און אַלע האָבן זי טאַקע ליב געהאַט דעפאַר. דעם באַלעבאָס גראַמען אָבער פלעגן אָפט באַליידיקן, [39] אויסמאַטערן [40] און דערעסן [41] דאָס יינגל האָט זיך אָבער פון זיין באַלעבאָס אָפּגעלערנט שטענד-דיק [42] צו ריידן אין גראַמען. מיט די עלטערע באַלמעלאָכעס, מיט דער באַלעבאָסטע, מיט די קונדן [43] שוסטער, [44] וואָס פלעגן

21 Drag, carry
22 Wife of the master 23 Baskets 24 Rock to sleep
25 Well 26 Sweep the floors 27 Master
28 Cards, playing cards 29 Because, for 30 Bookcases
31 Bad habit 32 Steal 33 Stingy, miser 34 Rhymes
35 Always 36 New 37 Sayings, witticisms 38 Refined
39 Insult 40 Tiring, tedious 41 Boring, sickening
42 Always 43 Customers 44 Shoemakers

ברענגען שטעפּן קאַמאַשן, מיט זיינע ברידערלעך, מיט אַלעמען, נאָר ניט מיט זיין טאַטן. מיט דער מאַמען פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן אין אַ פרייער שעה [45] זיך אָנהויבן איבעוואַרפן [46] מיט ווערטלעך אין גראַמען, אַזוי אַז דאָס שטיבל פלעגט קייכן פון געלעכטער. אָבער אַנטקעגן דער מאַמען פלעגט דאָס ייִנגל בלייבן הינטערשטעליק [48]. ווייל דער מאַמעס ווערטלעך פלעגן זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסשעפּן [49]. דערפאַר אָבער האָט זיך דאָס ייִנגל שוין אויסגעלערנט צו פאַרשרייבן אין העפטן אַלע זיינע אייגענע גראַמען אויסגעלייגט אין לידער, און האָט עס געהיט ווי זיין אויג אין קאָפּ [50].

אַזוי האָט געלעבט דאָס ייִנגל ביז עס איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר. צו פופצן יאָר האָט דאָס ייִנגל שוין געהאַט דורכגעלייענט אַ סך ביכלעך, יידישע און רוסישע. אַ באַלמעלאָכע איז ער געווען אַ גוטער, האָט געשמט [51] אין שטאָט פאַר אַן איידעלען [52] בחור, פאַר אַ בריה [53] און האָט זיך שוין געחברט [54] מיט די געלערנטע יונגעלייט פון שטאָט.

45 Time off, a free moment 46 Exchange
47 Rock with laughter, gasp 48 Fall behind 49 Exhaust
50 Guarded it as a most precious possession
51 Was famous, was known, renowned 52 Genteel, refined
53 Sklful and efficient person 54 Associated, was friends with
55 Young men

האָט געטראָפן [1]

אַז זיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זיינען איינמאָל אין אַ נאַכט אַנטלאָפן [2] קיין אַמעריקע מיט געלט וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט [3] אין שטאָט. און די גאַנצע שטעפּעריי [4] מיט די מאַשינען און די בלויע שילד זיינען געבליבן אויף הפקר [5]. האָט דאָס אַלץ אונדזער ייִנגלס טאַטע איבערגענומען און געוואָלט, אַז זיין זון, זיין געראָטענער [7] בחורל [8] זאָל ווערן אַ

1 It so happened 2 Ran away, absconded
3 Misappropriated 4 Stitching workshop
5 Abandoned, ownerless 6 Took over
7 Bright and usccessful 8 Young man

פּאַלנער [9] באַלעבאָס. דאָס בחורל האָט ניט געוואָלט, נאָר דער טאַטע האָט אים געגעבן פּעטש[10], איז ער געוואָרן באַלעבאָס מיט מאַשינען און מיט באַלמעלאָכעס. און ער האָט אַזוי לאַנג געבאַלעבאַטעוועט [11], ביז אין שטאָט איז פון ערגעץ [12] ווייט אָנגעקומען אַ יונגערמאַן [12], אויך אַ קאָמאַשנשטעפּער. די צוויי יונגעלייט זיינען געוואָרן חברים, האָבן שפּאַצירט [13] אינאיי- נעם [14] און איינעינעם געלייענט ביכלעך, און פון די ביכלעך און די שמועסן [15] מיט דעם חבר האָט זיך אונדזער בחורל דערוואוסט, אַז ערגעץ אין די ווייטע שטעט מאַכן באַלע- מעלאָכעס סטאַטשקעס, סטרייקס [16], און אַז מען וויל ניט קיין קייסער [17].

דעם בחורל איז דאָס געפעלן געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער צונויפגעקליבן[18] אַלע באַלמעלאָכעס פון שטאָט און מיט זיי געמאַכט אַ סטרייק און איז געוואָרן אַ גאַנצער פּירער [19]. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין שטעפּעריי מיט די מאַשינען, און אים האָבן שוין ניט געאַרט [20] די טרערן פון טאַטע-מאַמע און אויך ניט זייערע סטראַשונקעס [21] — ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער [22]. אַ באַלעבאָס צו זיין איז גע- ווען ביי אים זייער אַ מיאוסע [23] זאַך. ווייל ער האָט שוין דע- מאָלט געוואוסט, אַז אַלע באַלעבאַטים לעבן פון פרעמדן שווייס [24]. בקיצור [25], דאָס בחורל האָט אויפגעהערט [26] צו אַר- בעטן און אָנגעהויבן אַרומלויפן גאַנצע טעג און נעכט מיט בחורים, מיידלעך און סטודענטן, פון וועמען ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז זיינע גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, רופט מען "פּאָעזי" [27] און אַז ער איז אַ פּאָעט [28]. אַזוי האָט ער געק-

9 Sole proprietor, sole owner, the only master
10 Slaps, smacks 11 Conducted himself as the owner, managed
12 Somewhere 13 Went for walks, strolled 14 Together
15 Chats, talks, discussions 16 Strikes 17 Emperor, tzar
18 Gathered, assembled, organized 19 Leader
20 Did not mind, did not care 21 Threats
22 A big shot, a fixer, an influential person
23 A detestable thing 24 Somebodyelses toil and sweat
25 In short 26 Stopped, ceased 27 "Poetry" (sarcastically)
28 Poet

ראָגן דעם צונאָמען [29] „פּאָעט״, און אונטער דעם נאָמען „פּאָעט״ האָט ער כסדר [30] געמאַכט סטרייקס, געבונטעוועט [31] קעגן דעם קייסער, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה [32].



אין תפיסה איז אים געווען גוט ווי די וועלט [33]. ערשטנס איז געווען אַ כבוד [34] צו זיצן אין תפיסה פאַר אַזאַ זאַך ווי מאַכן סטרייקס און בונטעווען אַנטקעגן דעם קייסער, און צווייטנס האָט ער אין תפיסה געשריבן אַ סך גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, און אַלע חברים וואָס זיינען געזעסן מיט אים צוזאַמען, האָבן די לידער געזונגען און שפּעטער זיי אַרויסגעטראָגן אויף דער פריי [35], וואו מען האָט זיי געזונגען איבער דער גאַנצער שטאָט און אַפילו אין אַנדערע שטעט.

אין תפיסה איז אונדזער רבחורל געזעסן פון די ערב-פּסח-דיקע [36] בלאָטעס ביז די נאָך-ימים-נוראימדיקע [37]. אינגיכן

29 Nickname 30 Regularly, continually, constantly
31 incited to rebellion 32 Prison, jail
33 He was in seventh heaven, was snug as a bug in a rug
34 An honour 35 At liberty, on the "outside"

אָבער וואָלט ער אַ צווייטן מאָל געדאַרפט גיין אין תפיסה אַריין, און דאָ האָט זיך אונדזער בחור, דער גאַנצער קנאַקער[38], אַרויסגעדרייט[39] און אַנטלאָפן[40]. אַנטלאָפן פון זיין שטאָט און פון זיין לאַנד און איז בשלום[41] אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע האָט ער זיך אָוועקגעזעצט ביי פונקט אַזאַ מאַשין מיט צוויי פלעשער און ווידער אָנגעהויבן צו שטעפן קאַמאַשן. האָט דאָ פאַרדינט געלט, אַראָפּגעבראַכט[34] אַהער, קיין אַמע-ריקע, זיין טאַטע-מאַמע, חתונה[44] געהאַט, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט[45], און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסעל פריייע צייט האָט ער געשריבן גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער.

און דאָס בחורל מיט וועמען דאָס אַלץ האָט געטראָפן, דאָס בין איך.

מאַני לייב.

36 Pre-Passover mud-holes 37 High-Holidays 38 Bigshot
39 Got out of the predicament, evaded what awaited him
40 Escaped 41 Without mishap, in peace 42 Earned
43 Bring from afar 44 Got married 45 Begot children

וואונדער

וואונדער איבער וואונדער
אומעטום, אין אַלץ!
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווייסן זאַלץ[1]

און אין דעם בלויען וואַסער,
וואָס שטילט דעם דורשט אונדז איין[2],
און אין דעם רויטן פייער,
וואָס וואַרעמט אונדז מיט שיין[3].

1 Salt 2 Quenches our thirst 3 Glow

און אין דעם קינדס געלעכטער,
וואָס הילכט 4 פון מאַמעס שויס 5,
און אין די קליינע קינדער,
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אָ, וואונעד איבער וואונדער,
וואונדער אָן אַ שיעור! 6
און פון די אַלע וואונדער,
קינדער, זינגען מיר!

4 Resounds
5 Lap 6 Countless, without limit, without end

י י ד י ש

די וועלט איז פול מיט ריידן, —
עס רעדט דאָך יעדע זאַך,
און יעדער אויף זיין שטייגער 1,
און יעדער אויף זיין שפּראַך 2.
דער וואָלקן 3 רעדט מיט דונער 4,
די זון מיט פייער-פלאַם 5;
דער וואַלד 6 מיט גרינעם רוישן 7,
מיט ברויזן 8 רעדט דער ים 9.
מיט ברומען רעדט די חיה 11,
דער פויגל 12 — מיט געזאַנג 13;
מיט פּליסטערן 14 — די קוואַלן 15,
מיט שאָרכן 16 רעדט די זאַנג 17;
מיט אַלע טויזנט פאַרבן 18
און ריחות 19 רעדט די בלום 20;

1 Manner, way 2 Tongue, language 3 Cloud
4 Thunder 5 Fire-flame 6 Forest, wood
7 Make a noise, rustle 8 Seething, vehemence 9 Sea
10 Hum, roar 11 Animal, beast 12 Bird
13 Song, singing 14 Whisper, gurgle 15 Springs, wells
16 Rustle 17 Stalk 18 Colours, hues
19 Odors, scents, aroma 20 Flower

דאָס פליגעלע [21] דאָס מינדסטע [22]
רעדט אויך מיט איר געזשום [23].
דער מענטש נאָר מיט זיין חכמה [24] —
פון אַלעמען די קרוין [25] —
ער רעדט מיט יעדנס לשון [26],
אויף פונעם שטיין [27] פון פלוין [28].

אויף זיבעציק לשונות
פאַרשטייט דער מענטש און רעדט,
וואָס נאָר עס הערט זיין אויער,
וואָס נאָר זיין אויג דערזעט.
און וואו אַ פאָלק [29] מיט מענטשן,
איז דאָ אַ שפּראַך ביי זיי:
אין ענגלאַנד רעדט מען ענגליש,
און רוסיש אין ראַסיי;
אין שפּאַניע [30] רעדט מען שפּאַניש,
כינעזיש [31] אין קיטיי [32],

וואַלאַכיש [33] אין וואַלאַכיע [34],
און טערקיש אין טערקיי.
און יידן — רעדן יידיש
אין אַלע עקן [35] וועלט,
וואו נאָר אַ ייד אין פרידן [36]
שטעלט אויף זיין רו-געצעלט [37].
און יידן רעדן יידיש,
און יידיש איז דאָך שיין,
און גרינג אַ צווייטן יידן
פאַרשטיין ווי זיך אַליין.

21 Insect
22 The smallest, the least 23 Buzz, hum 24 Wisdom
25 Crown (crown of creation) 26 Tongue, language
27 Stone 28 Plane 29 People, nation 30 Spain
31 Chinese 32 China 33 Rumanian 34 Rumania
35 Four corners of the world 36 Peace
37 Resting place, tent

אַ זון מיט אַ רעגן

מיט די זילבערנע פיסעלעך
לייכט, לייכט 1 און לינד 2,
האָט געטאַנצט דער רעגן
מיטן גאָלדענעם ווינט.

האָט געטאַנצט דער רעגן
אין זיין העלער קרוין 3
איבער ליכטיקע גאַסן —
איבער העלפאַנדביין 4,

און פאַרשפּרייט 5, ווי אַ פּאַווע 6,
ווייט, הויך אַוועק,
איבער פאַרביקע דעכער 7
זיין פילפאַרביקן עק 8.

1 Light 2 Mild, gentle 3 Bright crown 4 Ivory
5 Spread out 6 Peacock 7 Colorful roofs
8 Multicolored tail

צוויי יינגלעך

זיצט אַ יינגל מיט אַ יינגל,
קנאַקט 1 כסדר 2 מיט זיין צינגל 3:

אַז איך וואָלט געווען אַ גרויסער,
אָדער איך וואָלט זיין אַ קייסער 4,

וואָלט איך זיך געקויפט אַ פערד 5,
איינמאָל שוין אַ גוטן פערד:
פלי, מיין פערד, אויף אונדזער ערד,
אויסצומעסטן גאַר די ערד·

ענטפערט אים דאָס צווייטע יינגל,
אויך אַ קנאַקער 7 מיטן צינגל:

1 Cracks, snaqs 2 Constantly, continually 3 Tongue
4 An emperor 5 A horse 6 Survey 7 A boaster

איך וואָלט בעסער מיט די באַנען 8
פליִען, פליִען ווייט פון דאַנען;

וואו אַ באַן איז נאָר פאַראַן,
שפּרינג 9 איך מיר אין יענער באַן,
פלי איך דורך דער גאָרער 10 וועלט,
ערגעץ 11 זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ענטפערט אים דאָס ערשטע יינגל
מיט זיין קנאַקעדיקן צינגעל:

איך וואָלט בעסער זיך געלאָזן 13
מיט די זעגלען 14 אויפגעבלאָזן;

זיבן זעגלען אויפן שיף,
אָן מאַטראָסן 15 אויפן שיף,
שווים איך מיר אין אָקעאַן 16,
וואו אַ ים 17 איז נאָר פאַראַן.

ענטפערט אים דאָס צווייטע יינגל,
אַ באַרימער 18 מיטן צינגל:

איך וואָלט בעסער מיט די ווינטן
זיך אַרויפגעכאַפּט פון הינטן 19,

וואָלט אַ כאַפּ געטאָן זיין עק 20
און אַוועק 21, אַוועק, אַוועק!
קנאַק נאָר, בייטשל 22, אין מיין האַנט,
וויאָ 23, און צום לבנה-לאַנד. 24

8 Trains 9 Jump 10 The whole world 11 Nowhere
12 Stopped over 13 Embark 14 With full sails
15 Sailors 16 Ocean 17 Sea 18 Braggart
19 From behind 20 Tail 21 And away we go
22 Whip 23 Exhortation to a horse: "get-thee-up"
24 moon-land, dream-land

ווי עס זיצן דאָ די יינגלעך,
און זיי קלאַפּן[25] מיט די צינגלעך,

קומען ווי אַ פייל פון בויגן[26]
גלייך פון הימל[27] אַנגעפלויגן[28]

זיבן גרויסע ווייסע גענדז[29]
מיט די לאַנגע ווייסע פרענדז[30],
אין אַ שליטן[31] איינגעשפּאַנט[32],
אַקאָרשט[33] פון לבנה-לאַנד.
און זיי קנאַקן מיט די צינגלעך:
גאַ-גאַ[34], צווייטער פון די יינגלעך,

האָבן מיר דיין וואונטש פאַרנומען[35],
זיינען מיר נאָך דיר געקומען;

נאָר אַ ריר טאָן זיך פון אָרט,
זיינען מיר שוין תיכף[36] דאָרט.
נעם אַ בייטשל נאָר אין האַנט,
טרייב[37] אונדז צום לבנה-לאַנד!

רירט[38] זיך ניט דאָס צווייטע יינגל,
הענגט אים אַזש[39] פון שרעק[40] זיין צינגל.
נאָר דאָס ערשטע יינגל ברענט[41],
כאַפּט אַ בייטשל אין די הענט,

25 Wag their tongues
26 Very fast as an arrow from a bow 27 Heaven, sky
28 Flew in 29 Geese 30 Fringes 31 Sled, sleigh
32 Hitched up 33 A moment ago, very recently
34 Sound of geese 35 Heard your wish
36 Right away, promptly, at once 37 Drive
38 Does not move 39 As much as 40 Fear, fright
41 Is impatient, is anxious to do it

אין דעם שליטן טוט אַ שפּרונג,
מיטן בייטשל גיט אַ קלונג![42]
גאַ־גאַ־גאַ[43] און אַט־אַטאָ[44],
און ער איז שוין מער ניטאָ!

בלייבט אַליין דאָס צווייטע יינגל,
הענגט פאַרשעמט[45] אַראָפּ זיין צינגל.

שטייט ער זיך אַליין ביים טויער[46],
קראַצט[47] ביים טויער זיך אַן אויער;

מיט אַ פינגער פון זיין האַנט
ווייזט ער צום לבנה־לאַנד:
עפּעס ליכטיקער[48] האָט היינט
די לבנה זיך צעשיינט!

42 Gives a crack
43 Sound made by geese 44 And right away
45 Embarrassed, disgraced 46 Gate 47 Scratches
48 Brighter

אַ ה ע ז ל

אין לבנה־שיין[1] — אַ שטעגל[2] —
אַ פאַרשטילטער[3] ווייסער זעגל[4].
און ביים שטעגל זיצט אַ העזל[5],
גרוי, אַליינִיק[6], קייט[7] אַ גרעזל[8].

דורך דעם גרעזל ווייט[9] אַ ווינטל,
דרייט דאָס עקל[10] ווי אַ הינטל[11].
— גרויער העזל, העזל גרויער! —
אייגלעך גאָלדינקע[12] מיט טרויער[13],

1 Moonlight 2 Small path 3 Stilled 4 Sail
5 Hare 6 all alone 7 Chews 8 A blade of grass
9 Blows gently 10 Tail 11 Dog
12 Shine with the colour of gold 13 Sadness

שרעק [14] פאַרשפּיציקט [15] אים דאָס נעזל [16]
קייט דאָס העזל ניט דאָס גרעזל:
פּיסלעך, אויערלעך און מיילכל [17]
איינגעקניילכלט אין אַ קניילכל [18], —
שפּרונג! [19] — אַ קייקל זיך [20] פון שטעגל.
ליגט דאָס שטעגל ווי אַ זעגל.
און דורך גרעזל ווייט אַ ווינטל,
דרייט דאָס עקל ווי אַ הינטל.

14 Fear, fright 15 Tautens to a point 16 Nose
17 Mouth 18 Wound up in a little ball
19 Jump, with a bounce 20 A roll

נ אָ ך אַ ר ע ג ן

לעצטע טראָפּנס [1] רעגן
פינקלען [2] אויף די שויבן [3];
וואַסערלעך פון דעכער
רינען [4] דורך די טרויבן [5].

וואַסערלעך ביים גאַניק [6],
ווי אַ בלויער שפּיגל [7] —
טרייסלט [8] זיי אַ ווינטל
מיט זיין דינעם פליגל [9].

און צום בלויען שפּיגל
קלייבן זיך צוזאַמען [10]
זיבן ווייסע הענער [11]
מיט די רויטע קאַמען [12].

1 Drops 2 Sparkle, twinkle 3 Windowpanes
4 Run, trickle 5 Pipes 6 Porch 7 Mirror
8 Shakes, wrinkles, ripples 9 Wing 10 Gather around
11 Roosters 12 Comb

דאָס סוחרל [1] פון פערל

פליען [2] די פערדלעך [3] אין שליטן [4] געשפּאַנט [5]
קנאַקט [6] ביי דעם סוחר די בייטש אין דער האַנט,
פריילעכע [8] קלינגען [9] די גלעקלעך [10]

— מיידל, גיי עפן דעם טויער [11] מיר אויף!
לאָז מיר פאַרפאָרן [12] צו אייך אויפן הויף [13],
איך בין אַ סוחר פון פערל.

— סוחרל יונגער, דו קומסט פון דער ווייט [14],
און ביסט פאַרפאָרן צו אָרעמע [15] לייט
מיט דיינע פערל צו האַנדלען [16].

— מיידל, דאָס בין איך פאַרפאָרן צו אייך,
ווייל דיינע עלטערן [17] זיינען דאָך רייך [18],
מיט אַזאַ פערל — אַ טאָכטער [19].

— סוחרל קלוגער, דו קומסט פון דער וועלט,
אָבער דו וועסט מיך ניט קויפן [20] פאַר געלט [21]
ביי מיין טאַטן און מאַמען.

— מיידל, גיי עפן דעם טויער מיר אויף,
לאָז מיך פאַרפאָרן צו אייך אויפן הויף,
מיט דיינע עלטערן ריידן!

— סוחרל גוטער, ניט רייד צו מיר מער,
טרייב ניט אומזיסט דיינע פערדלעך אַהער,
איך בין אַ צווייטנס [22] אַ כלה.

גייען די פערדלעך אין שליטן געשפּאַנט,
הענגט ביי דעם סוחר די בייטש אין דער האַנט,
אומעטיק [23] קלינגען די גלעקלעך...

1 Merchant, dealer 2 Run fast, gallop 3 Horses
4 Sleigh 5 Hitched 6 Cracks 7 Whip 8 Merrily
9 Ring 10 Bells 11 Gate 12 Drive in 13 Yard, court
14 Afar 15 Poor folk 16 Deal, trade 17 Parents
18 Rich 19 A daughter 20 Buy 21 Money
22 Somebodyelses 23 Sad, cheerless

ביים טייך [1]

אויף יענער [2] זייט טייך איז די זון שוין פאַרגאַנגען [3],
אויף יענער זייט טייך איז אַ מיידל געגאַנגען
מיט בענקשאַפט [4] אין האַרצן [5] און טרערן [6] אין בליק [7]
צו זוכן איר מיידלישן גליק [8].

און בלימעלעך [9] בלויאינקע זיבן מאָל זיבן
האָט זי ביי דעם שיין [10] פון לבנה [11] געקליבן [12]
און האָט מיטן שטראָם [13] זיי געלאָזן [14] אין טייך:
— שווימט גלייך [15], מיינע בלימעלעך, גלייך!

שווימט גלייך, ווייט אַהין, וואו די וואַסערלעך רינען [16],
מסתמא [17] מיין גליק וועט איר דאָרטן געפינען [18],
און אַז איר וועט דאָרטן געפינען מיין גליק —
שווימט, בלימעלעך, גיכער [19] צוריק! [20]

די נאַכט האָט דעם טייך מיט אַ נעפּל [21] פאַרצויגן [22],
ביים טייך איז דאָס מיידל געשטאַנען געבויגן [23]
און האָט אין די וואַסערלעך לאַנג, לאַנג געקוקט [24]
און שווער [25] מיט די אַקסלען [26] געצוקט... [27]

די וואַסערלעך זיינען גערונען, גערונען...
די בלימעלעך האָבן דאָרט גאָרנישט געפונען,
קיין בלימעלע איז ניט געקומען צוריק,
וויין [28], מיידל, דו האָסט ניט קיין גליק!

---

1 River 2 On the other side, on yonder shore
3 Set 4 Yearning 5 Heart 6 Tears
7 Eyes, look, gaze 8 Happiness, luck, destiny, fate
9 Flowers 10 Light, shine 11 Moon
12 Picked, gathered 13 Stream 14 Let go
15 Swim straight ahead 16 Flow, run
17 Probably, most likely 18 Find 19 Faster, in a hurry
20 Back, return 21 A mist, a fog
22 Spread out, hang up, envelop 23 Bent over
24 Looked, stared 25 Hard, heavily 26 Shoulders
27 Twitched 28 Weep